ישראל שמערן.

# דער בוים

שטעהען שווערע טעג ארום מיין פאלק און שרייען,
ווי קינדער ארום דעם טאטענס קראנקען בעט;
און אין מיין הויף א בוים א גרויסער ירא־שמים
האלט די הענד כסדר אין דער הויך און בעט.

אמאל פרובט עמיץ די קולות אבזוגען ווי גלאקען,
ווי אונטער קאלדרעס נעהמט מיין גאס טוליען זיך און שווייגען.
דעמאלט: רייסט מיין שטיב פון שלאף זיך איף דערשראקען:
און מיין שויב האט אנגעקלאפט דער בוים מיט זיינע צווייגען...

בעט איך: גאט, ביזט גרויס, מיין פערלאנג איז דער קלענסטער:
שענק מיין פאלק איינאיינציגען טאג באטש אהן טרויער!
שפארט אן דער בוים זיך קאפ אין מיין פענסטער,
ווי א קלעזמער לעגט־צו צו דער פידעל זיין אויער.

דער בוים

דער מאָמענט (וואַרשע, 1910–1939)

29, נומ' 182, אויגוסט 7, 1938, ז' 3